# אריבערגאנג פון די פריע אינטערווענשאן פראגראם



## אייער קינד'ס קומענדיגע שריט!

NEW YORK STATE | Department of Health

## וואס איז אן אריבערגאנג?

אריבערגאנג מיינט די צייט ווען אייער קינד וועט אפלאזן די פריע אינטערווענשאן פראגראם (Early Intervention Program).

## ווען זאלט איר אנהייבן צו פלאנירן פאר די אריבערגאנג?

וויבאלד קינדער זענען אין די פריע אינטערווענשאן פראגראם בלויז פאר א קורצע צייט (פונעם געבורט ביז דריי יאר אלט), איז וויכטיג אנצוהייבן פלאנירן פאר די אריבערגאנג ווי פריער מעגליך. אייער סערוויס קאארדינירער וועט אייך העלפן מיט פלאנירן די אריבערגאנג איידער אייער קינד ווערט דריי. די פלאנירונג נעמט אריין די אנטוויקלונג פון אן אריבערגאנג פלאן.

## וואס איז אן אריבערגאנג?

א געשריבענע אריבערגאנג פלאן וועט ווערן אנטוויקלט דורך אייך צוזאמען מיט אייער אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן (Individualized Family Service Plan) טיעם, איידער אייער קינד פארלאזט די פריע אינטערווענשאן פראגראם. די פלאן וועט אריינגעמען הילף, שטיצע און סערוויסעס וואס אייער קינד אדער פאמיליע וועט מעגליך דארפן האבן ווען איר פארלאזט דעם פראגראם. די פלאן פון יעדע פאמיליע איז אייגנארטיג פאר די געברויכן פון זייער קינד און פאמיליע.

געוויסע קינדער קענען ווייטער גיין צו די פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראם (Preschool Special Education Program) דורך זייער לאקאלע שולע דיסטריקט אדער צו אנדערע פריע קינדער סערוויסעס און שטיצע אין זייער קאמיוניטי, נאך וואס זיי פארלאזן די פריע אינטערווענשאן פראגראם.

## וואס איז די פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראם?

די פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראם איז פאר באגרעניצטע קינדער צווישן דריי ביז פינף יאר אלט. די ניו יארק סטעיט עדיוקעישען דעפארטמענט (New York State Education Department) האלט אן אויפזיכט אויף די פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראמען און סערוויסעס. קינדער וואס ווערן דריי און קענען זיין בארעכטיגט פאר פרי-סקול סערוויסעס, קענען ווערן רעפערירט צו זייער קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן וואס איז באקאנט אלס CPSE (Committee on Preschool Special Education, CPSE) דורך זייער לאקאלע שולע דיסטריקט.



# וואס זענען די פיר שריט צו פרובירן צו ווערן בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראמען און סערוויסעס?

## ערשטע שריט. מעלדונג

אייער סערוויס קאארדינירער וועט מעלדן אייער שולע דיסטריקט אז אייער קינד קען זיין בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראמען און סערוויסעס. איר וועט האבן די געלעגנהייט זיך צו שריפטליך ארויסשרייבן (זיך קעגנשטעלן) צו די מעלדונג.

## צווייטע שריט. די אריבערגאנג קאנפערענץ

אייער סערוויס קאארדינירער מוז אייך פארשלאגן די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט דער טשעירס-פערזאן פון די CPSE. די זיצונג ווערט אנגערופן אן אריבערגאנג קאנפערענץ (transition conference).

## די הויפט צילן פון די אריבערגאנג קאנפערענץ זענען צו:

- איבערגיין די אונטערשיידן צווישן די פריע אינטערווענשאן פראגראם און CPSE;
- רעדן וויאזוי און ווען צו רעפערירן אייער קינד  צו CPSE;
- רעדן וועגן די CPSE אפשאצונג און בארעכטיגונג פראצעדור;
- איבערגיין די אויסוואלן פאר סערוויסעס דורך די CPSE פאר אייער קינד;
- ענטפערן סיי וועלכע פראגעס וואס איר האט; און
- אנטוויקלען אדער איבערמאכן אייער אריבערגאנג פלאן.

## דריטע שריט. רעפערעל

קינדער וואס ווערן דריי און קענען זיין בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראמען און סערוויסעס, קענען ווערן רעפערירט צו זייער CPSE. א רעפערעל איז א געשריבענע דערקלערונג וואס בעט אייער שולע דיסטריקט צו באשטימען אויב אייער קינד דארף באקומען ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס. אייער סערוויס קאארדינירער קען אייך העלפן מאכן די רעפערל.

## פערטע שריט. אפשאצונג

די CPSE באשטימט אויב אייער קינד איז בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראמען און סערוויסעס. די CPSE קען נוצן אייער קינד'ס פריע אינטערווענשאן פראגראם אפשאצונגען אדער בעטן צו מאכן נייע אפשאצונגען. די CPSE וועט בעטן פאר אייער שריפטליכע ערלויבעניש, אויב נייע אפשאצונגען זענען נויטיג.



## אויב אייער קינד איז בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן, ווען טוט זיך די פריע אינטערווענשאן פראגראם ענדיגן און די פרי-סקול סערוויסעס אנהייבן?

- אייער קינד׳ס דריטע געבורטס טאג וועט באשטימען ווען פריע אינטערווענשאן סערוויסעס ענדיגן זיך און פרי-סקול סערוויסעס קענען זיך אנהייבן.
- קינדער קענען נישט זיין אין די פריע אינטערווענשאן פראגראם און אין די פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראם אין די זעלבע צייט. אייער פריע אינטערווענשאן טיעם און CPSE טשעירס-פערזאן קענען אייך העלפן צו באשליסן ווען איז די בעסטע אריבערגאנג דאטום פאר אייער קינד, באזירט אויף זייער פראגראמען געברויכן.
- מאכט זיכער צו רעדן וועגן אייער קינד׳ס אריבערגאנג דאטום ביי די CPSE זיצונג מיט אייער שולע דיסטריקט.

## וואס געשעט אויב אייער קינד איז נישט בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס?

אייער קינד׳ס לעצטע טאג פון פריע אינטערווענשאן סערוויסעס איז א טאג איידער זייער דריטע געבורטס טאג.

**זאכן צו נעמען אין באטראכט:**

- אייער סערוויס קאארדינירער קען אייך העלפן איבערמאכן אייער אריבערגאנג פלאן.
- עס זענען פאראן עטליכע וועגן צו באקומען סערוויסעס. איר קענט באשליסן צו נוצן אייער פריוואטע אינשורענס אדער באצאלן פריוואט פאר סערוויסעס אנשטאט פון גיין דורך די שולע דיסטריקט אדער קענט איר באשליסן צו באקומען סערוויסעס אינערהאלב אייער קאמיוניטי, אזוי ווי א פרי-סקול אדער דעי-קעיר פונעם קאמיוניטי.

## וויכטיגע פונקטן צו געדענקען:

- בארעכטיגונג אין די פריע אינטערווענשאן פראגראם מיינט נישט אז אייער קינד וועט זיכער זיין בארעכטיגט פאר די פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראם.
- איר זאלט רעדן וועגן די אריבערגאנג פונעם אנהייב פון אייער קינד׳ס פריע אינטערווענשאן פראגראם און זאל ווערן איבערגעקוקט ווען אייער קינד קומט נענטער צו ווערן דריי יאר אלט.
- שיקט אייער קינד צו די CPSE און שרייבט אונטער א צושטימונג כדי עס זאל זיין גענוג צייט צו האבן די CPSE זיצונג איידער אייער קינד׳ס דריטע געבורטס טאג.
- אויב אייער קינד איז בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן, אבער זייער CPSE זיצונג איז פארגעקומען אויף אדער נאך זייער דריטע געבורטס טאג, איז די לעצטע טאג פון פריע אינטערווענשאן סערוויסעס א טאג איידער זייער דריטע געבורטס טאג.

**אריבער גיין פון די פריע אינטערווענשאן פראגראם איז א גרויסע שריט פאר אייער קינד און אייער פאמיליע. אייער סערוויס קאארדינירער וועט אייך העלפן צו האבן א גרינגערע אריבערגאנג ווען איר פארלאזט דעם פראגראם.**

## פאר מער אינפארמאציע:

### ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון העלט פריע אינטערווענשאן פראגראם (New York State Department of Health Early Intervention Program)

טעלעפאן: (518) 473-7016
אימעיל: beipub@health.ny.gov
וועבסייט: health.ny.gov/EIFamilies

### ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט (New York State Education Department)

טעלעפאן: (518) 474-3852
וועבסייט: nysed.gov

NEW YORK STATE | Department of Health